בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון
קכ"ה

מוסדות היכל הקודש ברסלב

נצבים - ראש השנה
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א**

### דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן אַוֶועקְשְׁטוּפְּן אַ תַּלְמִיד

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, אִיךְ בֶּעט עֶנְק זַייעֶר: קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער מִיט הַארְץ, אוּן גֶעבְּט פַאר דִי קִינְדֶער וַוארֶעמְקֵייט אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קז:): אֱלִישָׁע הַנָּבִיא אִיז גֶעוָוארְן קְרַאנְק, וַוייל עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים מִיטְן נָאמֶען 'גֵּחֲזִי'. וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער 'גֵּחֲזִי'? דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בְּרָכוֹת י:) אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, אַ מְנֻוָּל; וֶוען פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי אֱלִישָׁע אִיז עֶר זֵיי נָאכְגֶעלָאפְּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אַזַא מֶענְטְשׁ וָואלְט מֶען דָאךְ גֶעדַארְפְט אַיינְשְׁפַּארְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט אֱלִישָׁע בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף פַארְן אִים אַוֶועקְשְׁטוּפְּן.

דָאס אִיז פַּחַד פְּחָדִים! מֶען זֶעט דָא וִוי הַארְבּ עֶס אִיז אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְּן אַ תַּלְמִיד, אוּן וִוי וִויכְטִיג עֶס אִיז צוּ מְקַרֵב זַיין אוּן גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט אֲפִילוּ פַאר אַ תַּלְמִיד אַ רָשָׁע, אִיז דָאךְ אַ כָּל שֶׁכֵּן פַאר אוּנְז מְלַמְּדִים פוּן דִי טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ 'קְטַנִּים'; זֵיי זֶענֶען דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט מְחוּיָּב מִן הַתּוֹרָה אוֹיף גָארְנִישְׁט, אִיז זִיכֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטוּפְּן אַ קִינְד, אוּן מֶען דַארְף יֶעדְן מְקַרֵב זַיין אוּן גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט.

### קוּקְן מִיר אוֹיס בֶּעסֶער וִוי דִי קִינְדֶער?!

מֶען קֶען הֶערְן מְלַמְּדִים זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף אַ קִינְד: **"עֶר אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶער אִינְגְל, עֶר** **הַאלְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען!"** בֶּעט אִיךְ עֶנְק, לָאמִיר אַרַיין טְרַאכְטְן: מִיר הַאלְטְן דֶען יָא בַּיים דַאוֶוענֶען? מִיר הָאבְּן דֶען יָא גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶוענֶען? פַאר אוּנְז אִיז דֶען נִישְׁט דָאס דַאוֶוענֶען לַאנְגְוֵוייליג? אִיךְ רֶעד נִישְׁט אִינְמִיטְן דִי וָואךְ וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, דֶעמָאלְט אִיז פָּשׁוּט אַז דִי מְלַמְּדִים דַאוֶוענֶען, וַוייל יֶעצְט אִיז מֶען דֶער אוֹיבֶּערְהַאר פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס דַאוֶוענֶען אִיז דָאךְ אַ חֵלֶק פוּן דִי אַרְבֶּעט; וָואס טוּט זִיךְ אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵדֶר, עֶס קוּמְט שַׁבָּת, מֶען אִיז 'אָף דָארִי' (נִישְׁט אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט), מֶען קוּמְט אִין שׁוּל נִישְׁט אַלְס מְלַמֵּד, אָן אַ מְנַהֵל אוֹיפְן קָאפּ, הַאלְטְן מִיר יָא אִינְגַאנְצְן בַּיים דַאוֶוענֶען? אָדֶער מֶען קוּקְט אַרַיין בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען אִין אַ גִּלְיוֹן?! - אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ שׁוֹין אַ הַאק אוֹיפְן קָאפּ פַארְן קִינְד וָואס הָאט גֶענוּמֶען זַיין שְׁפִּילְצֵייג אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אוּן מֶען קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט לַיידְן?!

אַז אַ אִינְגְל אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט, אָדֶער עֶר הָאט זִיךְ פַארְרֶעדְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, קֶען מֶען אִים נִישְׁט זָאגְן: **"גֵיי אַרוֹיס!"** וַוייל לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן, מִיר קוּמֶען אוֹיךְ אַמָאל שְׁפֶּעט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן מִיר קֶענֶען אוֹיךְ אַמָאל פַארְגֶעסְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, [דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אָבֶּער עֶס קֶען לֵיידֶער גֶעשֶׁען מֶען זָאל זִיךְ פַארְגֶעסְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן], אוּן מִיר קֶענֶען זִיךְ אוֹיךְ אַמָאל פַארְשְׁמוּעֶסְן אִינְדְרוֹיסְן, זָאלְט עֶטְץ אוֹיךְ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג.

### מַאכְן שְׁפִּירְן דִי קִינְדֶער 'מֶעכְטִיג'

אִיךְ בֶּעט עֶנְק טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, לֵייגְטְס

### וַוארֶעמְקֵייט אוּן הַארְץ

אַרַיין הַארְץ אִין עֶנְקֶער אַרְבֶּעט, בּוֹיטְס אוֹיף אַ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן זוּכְטְס גוּטְס אִין דִי קִינְדֶער!

מִיר הָאבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם דְרֵיי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אִין אַמֶערִיקֶע; אִין שְׁטֶעטְל, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן אִין קִרְיַת יוֹאֵל, אוּן דְרֵיי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִין טְבֶרְיָה אוּן אִין בְּנֵי בְּרַק. אוּן מִיר הָאפְן בְּקָרוֹב צוּ עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר אִין לֶעיקְוָואד.

תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס הָאבְּן שֵׂכֶל, וֵייסְן אַז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ עֶס קֶען זַיין אַז אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט נָאכְנִישְׁט אַלֶע מַעֲלוֹת וָואס אַנְדֶערֶע תַּלְמוּדֵי תּוֹרָה הָאבְּן, אָבֶּער דִי מַעֲלָה אַז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי וֶוערְן נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן פַארְשֶׁעמְט פוּן זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אוּן מְלַמְּדִים - אִיז מֶער פוּן אַלֶעס; בִּפְרַט אַז בַּיים רֶבִּי'ן עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט דִי חִינּוּךְ יָארְן בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁטוּפְּט אַ מֶענְטְשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּ דַאוֶוענֶען.

אִיךְ הָאבּ תַּלְמִידִים אִין נָאךְ שְׁטֶעט וָואס ווִילְן מֶען זָאל עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר אִין זֵייעֶר שְׁטָאט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, בָּארָא פַּארְק, מָאנְסִי, בֵּית שֶׁמֶשׁ אוּן צְפַת, אָבֶּער מֶען דַארְף נָאךְ אַבִּיסְל וַוארְטְן, וַוייל צוּ עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת; מֶען דַארְף טְרֶעפְן דִי רִיכְטִיגֶע מְלַמְּדִים, אוּן מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַאר דִי מְלַמְּדִים; אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ פַאר אַ מְלַמֵּד אוּן עֶר קֶען נִישְׁט צָאלְן זַיין דִירָה גֶעלְט, וֶועט עֶר נָאכְדֶעם צִיפְּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וַוייל עֶר אִיז אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט, דֶערְפַאר קֶען אִיךְ נִישְׁט מַאכְן אִין יֶעדֶע פְּלַאץ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע תַּלְמוּד

תּוֹרָה. וואו מען מוז עֶפֶּענֶען - עֶפֶּנְט מען, אָבֶּער אִין דִי פְּלֶעצֶער וָואס מען קען צוּפָּארְן צוּ אַ פְּלַאץ וואו מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַ חֵדֶר, עֶפְּנְט מען נאָכְנִישְׁט קיין אֵייגֶענֶע חֵדֶר.

עַל כָּל פָּנִים, אַזוֹי וִוי דִי מוֹסָד ווערט גְּרֶעסֶער און גְּרֶעסֶער, הָאבּ אִיךְ מוֹרָא פוּן אֵיין זַאךְ, עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן 'סִיסְטֶעמַאטִישׁ'. און אַזוֹי וִוי אִיךְ קען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ שְׁרַייבְּן און רֶעדְן צוּ יֶעדְן מְלַמֵּד בַּאזוּנְדֶער, בֶּעט אִיךְ עֶנְקְ דָא בַּיים שִׁיעוּר: הָאטְס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער, שְׁטוּפְּטְס נִישְׁט אַוֶועק קיין קִינְדֶער, און זוּכְטְס אוֹיף אִין יֶעדְן קִינְד עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס מען קען אִים מִיט דֶעם מַאכְן מֶערְכְטִיג.

יֶעדֶער מְלַמֵּד זָאל זִיךְ אַלֵיינְס אָנְקוּקְן, וָואס אִיז דַיין גַאנְצֶע מֶערְכְטִיגְקֵייט? אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד! מען קוּקְט דִיךְ אָרוּיף: 'עֶר אִיז אַ מְלַמֵּד', 'עֶר אִיז פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס מְלַמְּדִים'. וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען קיין מְלַמֵּד - וָואלְט דָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִיר!

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ בָּחוּר, עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אַז עֶר וִויל מִיר בְּרֶענְגֶען אִין מַיין צִימֶער אַ פֶּערְקוּלֶעטָאר (אַ הֵייס וַואסֶער קֶעסְל) אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען גְרִינְגֶערְהֵייט מַאכְן אַ קַאוֶוע, פְרֶעג אִיךְ אִים: **"וָואס ווילְסְטוּ? דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ קען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין זִיךְ מַאכְן אַ קַאוֶוע אַזוֹי וִוי יֶעדְן, אָדֶער שִׁיקְן אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאל מִיר מַאכְן אַ קַאוֶוע?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"אִיךְ ווייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן מִיר, אָבֶּער עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ דָאךְ אַפָּאר הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים אִינֶעם בִּנְיָן, אוֹיבּ אִיךְ בְּרֶענְג גָארְנִישְׁט פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווֶעט דָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מִיר, אָבֶּער אַז אִיךְ ווֶעל בְּרֶענְגֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַ פֶּערְקוּלֶעטָאר צוּ מַאכְן קַאוֶוע, ווֶעט מֶען קוּקְן אוֹיף מִיר"** עֶר הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט זַייעֶר קְלוּג...

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, יֶעדֶעס קִינְד דַארְף שְׁפִּירְן אִין חֵדֶר אַז עֶר אִיז מִיט עֶפֶּעס 'מֶערְכְטִיג'; יֶעדֶעס קִינְד דַארְף בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַ טִיטְל פוּנֶעם מְלַמֵּד, אֵיינֶער אִיז 'דֶער גַּבַּאי', אֵיינֶער אִיז 'דֶער בַּעַל תְּפִלָּה', אֵיינֶער אִיז 'דֶער בֶּעסְטֶער אִינְגֶל', אֵיינֶער אִיז 'דֶער זִיסְטֶער אִינְגֶל', און אֵיינֶער אִיז 'אַ אִינְגֶל וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזוֹי וִוי אִים'.

## אַ גוּט וָוארְט פוּן אַ מְלַמֵּד - קֶען טְרָאגְן אַ קִינְד זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן

מען הֶערְט צוּרִיק אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס דֶערְצֵיילְן וִוי אַ גוּט וָוארְט פוּן אַ מְלַמֵּד הָאט זֵיי גֶעטְרָאגְן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן!

מען הֶערְט וִוי מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְן: **"אִין כִּתָּה א' הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט, און דָאס בַּאגְלֵייט מִיךְ בִּיז הַיינְט"**, אָדֶער: **"אִין כִּתָּה ה' הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט מִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גְלֶעט, און וֶוען מֶען הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט און אֲפִילוּ וֶוען דֶער מְנַהֵל הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר - הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר מִיר, עֶר פְלֶעגְט מִיר גֶעזָאגְט: 'אִיךְ ווייס אַז דוּ בִּיסְט יָא ווָאוּיל', דָאס בַּאגְלֵייט מִיךְ בִּיז הַיינְט".**

אִיךְ ווֶעל דָא עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁיעוּר, ווַייל אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה קיין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶס זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה און סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מַאךְ מִיר פָּשׁוּט'ע זִיצְן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, נֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מַאנְסִי**

קוֹדֶם כֹּל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר מַאכְן טִיקֶעטְס צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר אוֹיסְבָּארְגְן; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל דִיר שׁוֹין קֶענֶען בַּאצָאלְן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן אִין בִּיזְנֶעס קְלַאס פַאר צְוֵויי סִיבּוֹת, אֵיינְס, בְּעֶגֶערְ"ס קֶענְ"ט בִּ"י טְשׁוּז"י, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס חֶשְׁבּוֹן - נֶעמֶען דִי טֵייעֶרֶע, און אֲפִילוּ אֵיינֶער ווֶעט ווֶעלְן צָאלְן פַאר דֶעם - קֶען אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט; אִיךְ דַארְף זִיצְן נֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּקְן קַיין מָאוִויס; אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק - קֶען זֵיי אָפְּ'הַרְגֶ'עֶנֶען זֵייעֶר לֶעבְּן.

מַאךְ מִיר פָּשׁוּט'ע זִיצְן נֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ אוֹיךְ קִינְדֶער; אִיךְ וִויל אוֹיף אוֹיף זֵיי אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוֹיף זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא תשפ"ב)

## שִׁיקְן אַ קִינְד קַיין אוּמַאן, אֲפִילוּ עֶר ווֶעט פַארְפֶעלְן פוּן חֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע חִיזּוּק און אִידִישְׁקֵייט וָואס אִיר בְּרֶענְגְט אַרַיין צוּ אוּנְז אַהֵיים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס הָאט פְּשַׁט אִיךְ זָאל שִׁיקְן מַיין 10 יֶערִיג אִינְגְל מִיט מַיין מַאן קַיין אוּמַאן דָאס יָאר. מַיין מַאן הָאט נֶעמְטְן בַּאשְׁטֶעלְט טִיקֶעטְס קַיין אוּמַאן, און דָאס יָאר דַארְף מֶען פָארְן אַבִּיסְל לֶענְגֶער וִוי יֶעדֶעס יָאר, און עֶס ווֶעט אוֹיסְקוּמֶען אַז לִכְבוֹד דֶעם ווֶעט עֶר פַארְפַאסְן 7 טֶעג פוּן חֵדֶר.

אוּנְזֶער אִינְגֶל ווַייסְט אַז מִיר שְׁטֵייעֶן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם עֶר זָאל נִישְׁט פַארְפַאסְן קַיין אֵיין טָאג אִין חֵדֶר, אֲפִילוּ וֶוען מִיר הָאבְּן אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה וָואס עֶנְדִיגְט זִיךְ שְׁפֶּעט, ווֶעט עֶר אוֹיךְ זַיין אִין חֵדֶר אִין צַייט, און יֶעצְט הַאלְט מֶען אִין אָנְהוֹיבּ פוּן דִי נַייֶע לֶערְן יָאר, און שׁוֹין ווֶעט עֶר פַארְפַאסְן 7 טֶעג פוּן חֵדֶר.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן? זָאל אִיךְ אִים לָאזְן גֵיין קַיין אוּמַאן, אָדֶער זָאל עֶר בְּלַייבְּן דָא און גֵיין גֶעהֶערִיג אִין חֵדֶר, און אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווֶעל אִיךְ הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס ווֶעט אִים נֶעמֶען אִין שׁוּל צוּ דַאוֶוענֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַוַודַאי זָאלְט אִיר מִיט שִׁיקְן אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר קַיין אוּמַאן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה – אֲפִילוּ עֶר וֶועט דַארְפְן מְבַטֵּל זַיין פוּן לֶערְנֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר מֶען זָאל אַזוֹי טוּן. "טוֹב לְבַלּוֹת זְמַן רַב", עֶס אִיז גוּט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט, "בִּשְׁבִיל שָׁעָה אַחַת, שֶׁיִּתְקָרֵב לַצַּדִּיק", פַאר אֵיין שָׁעָה זַיין בַּיים צַדִּיק (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן נה); בִּפְרַט צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה – אִיז קַיין שׁוּם פְרַאגֶע נִישְׁט; אַוַודַאי זָאלְט אִיר אִים שִׁיקְן.

בַּיים רֶבִּי'ן וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בַּיים רֶבִּי'ן וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בּוֹרֵא. פָארְן צוּם צַדִּיק אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תּוֹרָה, עֶס אִיז קִיוּם הַתּוֹרָה, בִּבְחִינַת (מְנָחוֹת צט:): "פְּעָמִים שֶׁבִּטּוּלָהּ שֶׁל תּוֹרָה זֶהוּ קִיּוּמָהּ".

אוֹיךְ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן צוּ תּוֹרָה לִשְׁמָהּ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לִימּוּד, סִימָן סא): "מִי שֶׁאֵין לוֹ הֲבָנָה בְּלִמּוּדוֹ", וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, "יִשְׁבֹּת אֵצֶל צַדִּיק", זָאל פָארְן צוּם צַדִּיק, זַיין בַּיי אִים פַאר שַׁבָּת; "גַּם עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה", אוֹיךְ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין, "לִלְמֹד תּוֹרָה לִשְׁמָהּ", צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים תשפ"ב)

## וָואס מֵיינְט דָאס אַז מַיין זוּן גֵייט אַוֶועק פוּן אוּנְזֶער וֶועג אוּן ווִיל פָארְן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זוּן זָאגְט מִיר אַז עֶר פָארְט קַיין אוּמַאן, עֶר זָאגְט אַז דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אוּן אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען זֶענֶען נָאר מְנִיעוֹת, אוּן מֶען דַארְף אַלֶעס צֶעבְּרֶעכְן אוּן אִיבֶּערְקוּמֶען אוּן יָא פָארְן קַיין אוּמַאן.

דָאס טוּט מִיר בֶּאֱמֶת זֵייעֶר וֵויי, אוֹיבּ אִיךְ – זַיין טַאטֶע – ווִיל נִישְׁט עֶר זָאל פָארְן, בִּין אִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע?! קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט אַרַיינְרֶעדְן?! קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין אוֹיטָארִיטֶעט אוֹיף אִים?! עֶר מֶעג זִיךְ טוּן וָואס עֶר ווִיל?!

אוּן נִישְׁט נָאר עֶר אַלֵיין, עֶר ווִיל נָאר אוֹיפְוַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַז יֶעדֶער לֶעבְּט אִין אַ טָעוּת, אַלֶעס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, נָאר בְּרֶסְלֶב אִיז דִי אֱמֶתְ'עֶ וֶועג. אִיז דָאס רִיכְטִיג? נִישְׁטָא קַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיז דָאס דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ וֶועג, אַוֶועקְצוּמַאכְן יֶעדְן אֵיינֶעם, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גוּט, נָאר זֵיי זֶענֶען גוּט?!

לֶעצְטְנְס אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן אַ גֶעבְּלוּמְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁע; אִיז דָאס אוֹיךְ בְּרֶסְלֶב? אַוֶועקְצוּוַוארְפְן דִי בְּגָדִים וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים אָנְגֶעטוּן?

אִיךְ קוּק עֶס אָן ווִי סְתַּם פְּרִיקַת עוֹל, מֶען ווִיל אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּן דִי רֶבִּי'ס, אוּן זִיךְ זוּכְן נַייעֶ וֶועגְן, עֶס אִיז אַ פְּרִיקַת עוֹל מִיט אַ הֶכְשֵׁר לְמְהַדְרִין.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַסְבִּיר זַיין וָואס דָא גֵייט פָאר, אִיז טַאקֶע נָאר בְּרֶסְלֶב דִי וֶועג? וֶוער עֶס הַאלְט אַנְדֶערְשׁ אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן דֶער שָׂטָן אַלֵיין? אִיז דָא נָארְמַאלֶערֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ מֶעסְטְן אוּן וֶועגְן זַאכְן, אָדֶער מוּז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זִיךְ אוּנְטֶערְבֵּייגְן פַאר בְּרֶסְלֶב?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ג' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דַיינֶע פְרַאגֶעס.

דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, דַיין זוּן זָאגְט דִיר אַז אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פְרֶעגְסְטוּ אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ קוּמֶען קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאכְדֶעם וָואס מֶען הֶערְט פוּן אַ צַדִּיק אֱמֶת ווִי עֶר זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו) אַז עֶר קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אֲפִילוּ דִי וָואס עֶר קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן; נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה – שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר – מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, – אִיז דָאךְ אַ דָבָר פָּשׁוּט אַז מֶען דַארְף קוּמֶען.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַבִּיסְל אֱמוּנַת חֲכָמִים, וֶוען עֶר הֶערְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִּיק אֱמֶת – טְרַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין סַאךְ, עֶר קוּמְט גְלַייךְ קַיין אוּמַאן, וֶוער דַארְף דֶען נִישְׁט אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן בַּיים יוֹם הַדִּין וֶוען מֶען אִיז אִים דַן, אִים מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; זַיין לֶעבְּן, דִי לֶעבְּן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, זַיין פַּרְנָסָה; אַלֶעס אַלֶעס אִיז מֶען דַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט קוּמֶען, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן אוּמַאן – זָאלְסְטוּ אָבֶּער נִישְׁט שְׁטֶערְן דַיין זוּן פוּן קוּמֶען; אַז דַיין זוּן ווִיל קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ אִים מְחַזֵּק זַיין, וַוייז אִים אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ אַז עֶר ווִיל זַיין גוּט, עֶר זוּכְט אַ גוּטֶע פְלַאץ וואוּ צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דִי פְרַאגֶע אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה אַז דַיין זוּן צִיט צוּ בְּרֶסְלֶב, דוּ ווִילְסְט עֶר זָאל גֶעהֶערְן בַּיי דַיין חֲסִידוּת; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דוּ מַאכְסְט אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת; נִישְׁט נָאר דוּ, נָאר אַסַאךְ מַאכְן דֶעם טָעוּת מִיט דֶעם וָואס זֵיי רוֹדְפְ'ן זֵייעֶר קִינְד וֶוען זֵייעֶר קִינְד גֵייט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג ווִי זֵיי.

וֶוען מֶען זֶעט אַ קִינְד צִיט צוּ אַ גוּטֶע פְלַאץ, עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן מִיט אַ גוּטֶע חַבּוּרָה פוּן אַ גֶעווִיסֶע חֲסִידוּת, אָדֶער עֶר צִיט צוּ אַ יְשִׁיבָה פוּן אַן אַנְדֶערֶע אָפְּשְׁטַאם ווִי דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען - הֵייבְּן דִי טַאטֶעס אָן רוֹדְפְ'ן זֵייעֶר זוּן 'הֲיִתָּכֵן דוּ בִּיסְט מְשַׁנֶּה פוּן דִי דֶרֶךְ פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן?' מֶען שְׁטֶעכְט אִים, מֶען מַאכְט חוֹזֶק, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי חֲסִידִים, אָדֶער פוּן דִי לִיטְווִישֶׁע וֶועג; מֶען סְטְרַאשֶׁעט דֶעם קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי וֶועג, מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִים, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ רִיזִיגֶער פֵייעֶר אִין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן

קְרַאנְק פוּן דֶעם.

דָאס אִיז אַלֶעס פוּן קַטְנוּת הַדַעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין וָואס דָא פַּאסִירְט; דֶער טַאטֶע זָאל נָאר טְרַאכְטְן אֵיין מִינוּט אִין טָאג 'וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מַיין קִינְד חַס וְשָׁלוֹם חַס וְשָׁלוֹם גֵייט אַרוֹיס לְתַּרְבּוּת רָעָה? וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען חַס וְשָׁלוֹם חַס וְשָׁלוֹם עֶר עֶסְט טְרֵפוֹת אוּן אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת וְכוּ' וְכוּ'? וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מַיין קִינְד קוּמְט אַהֵיים מִיט לַאנְגֶע גְרוֹיסֶע הָאר וִוי אַ שֵׁד רַחֲמָנָא לִצְלָן? וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מַיין קִינְד אַנְטְלוֹיפְט אִינְגַאנְצְן פוּן מִיר, אִיךְ גֵיי אִים שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען, עֶר הָאט חֲתוּנָה מִיט גוֹיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן? אַזוֹי וִוי מֶען הֶערְט לֵיידֶער אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת בַּיי חָשׁוּבְ'ע שְׁטוּבֶּער; יֶעצְט וֶוען מַיין קִינְד אִיז עֶרְלִיךְ, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ רוּחַ טָהֳרָה, עֶר זוּכְט עֶפֶּעס פַאר זַיין נְשָׁמָה, עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ בַּיי אַ גֶעוִויסֶע חֲסִידוּת אָדֶער עֶר צִיט צוּ אַ לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבָה וָואס שְׁטִימְט נִישְׁט מִיט מַיין מֹחַ, צוּלִיבּ דֶעם זָאל אִיךְ אִים רוֹדְפְ'ן אוּן אִים שְׁלָאגְן מַכּוֹת רֶצַח אוּן מַכּוֹת אַכְזָרִיּוּת?!' עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע שְׁטוּת פוּן דֶעם.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה וֶוען זֵיי זֶעעֶן זֵייעֶר קִינְד וִויל זַיין גוּט, זֵיי דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵייעֶר קִינְד אִיז אַ אִיד אוּן וֶועט בְּלַייבְּן אַ אִיד, זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ קַדִישׁ זָאגֶער נָאךְ זִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מט, ד): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּן יָגֵעַ בַּתּוֹרָה כְּאִלּוּ לֹא מֵת", וֶוער עֶס לָאזְט אִיבֶּער אַ קִינְד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט כְּאִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן; וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען עֶר לָאזְט אִיבֶּער קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער פְרֶעג אִיךְ דִיר, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אוּמְזִיסְטֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן צַעַר? דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ זוּן וָואס חַבֶרְ'ט זִיךְ מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַ זוּן וָואס גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; לָאז אִים אָפּ, לָאז אִים גֵיין וואוּ זַיין הַארְץ צִיט אִים; עֶר גֵייט דָאךְ נָאר צוּ גוּטֶע פְּלֶעצֶער, עֶר וִויל זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, עֶר וִויל פָאְרן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן בַּאקוּמֶען דֶעם תִּיקוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אִים שְׁטֶערְן?!

דוּ פְרֶעגְסְט, אוֹיבּ אַ טַאטֶע לָאזְט נִישְׁט פָאְרן זַיין זוּן קַיין אוּמַאן אוֹיבּ דֶער טַאטֶע וֶוערְט אַ חֵלֶק פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע? אַ גוּטֶע שְׁאֵלָה פְרֶעגְסְטוּ; דָאס אִיז זִיכֶער, אַז אַ טַאטֶע וָואס לָאזְט נִישְׁט זַיין קִינְד גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אַ גְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה, וַוייל וָואס וִילְן דֶען עֶלְטֶערְן? נָאר נַחַת, זֶען וִוי דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה; וָואלְטְן זֵיי גֶעדַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז זֵייעֶר זוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ הֵיילִיגֶע חַבּוּרָה. דוּ מֵיינְסְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּלַאץ? בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים לֶעבְּן טָאג אוּן נַאכְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת.

אַזוֹי וִוי דִיר זֶענֶען דָא צֶענְדְלִיגֶער עֶלְטֶערְן וָואס עֶסְן זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ וֶוען זֵיי דֶערְוִויסְן זִיךְ אַז זֵייעֶר קִינְד גֵייט קַיין אוּמַאן אוּן דְרֵייְדְט זִיךְ מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, מֶען הַאקְט אָפּ מִיט דֶעם קִינְד, מֶען אִיז אִים מְבַזֶה, מֶען פַארְגִיסְט זַיין בְּלוּט, אַלֶעס נָאר וַוייל עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין קִינְד אִיז עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ.

בְּנוֹגֵעַ דִי בֶּעקִיטְשֶׁע וְכוּ'; מִן הַסְתַּם וֵוייסְט נִישְׁט דַיין זוּן אַז אִין בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן דִי לְבוּשׁ פוּן דָאס וָואס מֶען גֵייט, אַלֶע קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, נִישְׁטָא קַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אִין בְּרֶסְלֶב; אָבֶער דִיר מוּז אִיךְ זָאגְן אַז דוּ דַארְפְסְט פַארְעֶכְטְן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ קוּקְסְט אוֹיף דַיין קִינְד, אַז מֶען טוּט זִיךְ אָן אַ גֶעבְּלוּמְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אַנְשְׁטָאט אַ זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע - וֶוערְט מֶען נָאכְנִישְׁט קַיין הֶפְקֵר יוּנְג; זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין, דֶעם לָשׁוֹן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דָאס אִיז: "פְּרִיקַת עוֹל עִם הֶכְשֵׁר מְהַדְרִין", דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ קוּקְסְט אוֹיף אִידִישְׁקֵייט אִיז פַארְדְרֵייְדְט.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע אוֹיבּ נָאר בְּרֶסְלֶב אִיז דִי וֶועג; אוֹיף דֶעם וֶועל אִיךְ דִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אָבֶער אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע פְרַאגֶע, אוֹיבּ דִי מִתְנַגְדִים וָואס הַאלְטְן צוּרִיק פוּן מְקוֹרָב וֶוערְן קַיין בְּרֶסְלֶב זֶענֶען כּוּלוֹ רַע, אוֹיף דֶעם וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן 'יָא'; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי אַלֶע וָואס הַאלְטְן צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דִי אַלֶע זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק רַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט שׁוֹין דָאס (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן מז): "הַנּוֹאֲפִים, לָרֹב הֵם מִתְנַגְּדִים לַצַּדִּיקִים", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירָה - זֵיי קְרִיגְן אוֹיף צַדִיקִים; דָאס זֶעט מֶען נִישְׁט נָאר בַּיים רֶבִּי'ן נָאר אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער אוּן אִין אַלֶע דוֹרוֹת, נָאר בַּעֲלֵי עֲבֵירָה הָאבְּן דִי עַזוּת צוּ רֶעדְן קֶעגְן צַדִיקִים, אַוֶועק מַאכְן זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת נֹחַ תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרוייען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876